UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

## Title
A Bletl Zikhroynes / A Page of a Memoir

Permalink
https://escholarship.org/uc/item/99k7w2kf

Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 91(1)

Author
Dr. Judah Pilch, Dokter Yehude Piltsh /

Publication Date
1978

Copyright Information
Copyright 1978 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

ד״ר יהודה פּילטש

# אַ קאַפּיטל זכרונות *)

(געווידמעט דעם הוגה דעות** א. גאָלאָמב)

ווינטער 1920, ה׳תר״ף לבריאת העולם. ווינטן בושעווען, ווינטן וואָיען, ס׳איז קאַלט.

דער דניעסטער ליגט אַ פאַרפרוירענער אין זיינע ברעגן. ער ליגט אַ פאַרגליווערטער, טויט שטיל. זיינע וואַסערן טיף אין די אָפּגרונטן וואַרטן אויף וואַרעמע זונען־שטראַלן. דרימלען די וואַסערן אין די טיפענישן און חלומען וועגן די וואַרעמע זומערן, ווען ס׳איז לוסטיק און פריילעך, ווען ס׳איז גוט און ווויל.

דער דניעסטער ליגט פאַרהאַרטעוועט און אויף זיין בויך גליטשט מען זיך שטילערהייט, סודותדיק.

און עס גליטשן זיך אויף דעם פאַרפרוירענעם דניעסטער ניט נאָר יונגוואַרג נאָר אויך אַלטע מענטשן, גרויס און קליין, און ניט נאָר מיט די פיס, נאָר מיט אַלע פיר און אָן רעש. ס׳איז פראָסטיק קאַלט און פון מאָל צו מאָל הערט זיך אַ זיפץ, אַ יאושדיקער קרעכץ, און ווייטער שטיל. פון דעם רוסישן ברעג דערהערט זיך אַמאָל אַ שאָס, אַ מאָל אַ געשריי און אַ געוויין און ווידער שטיל. און די נאַכט איז נאַכט, און די שטילקייט איז שטיל, און די ווינטן וואָיען און דער דניעסטער ליגט אויסגעשפרייט מיט גראָבן אייז, און אויף דעם אייז גליטשן זיך יידן, גרויסע און קליינע. אויך זיי זיינען שטיל.

* * * * *

נאַכט אין שטעטל דזשיגיפקע. נאַכט אין די גאַסן, אין מאַרק, אין אַלטן בית־מדרש, אין דער קצבישער קלויז, נאַכט און קאַלט אומעטום. פון דניעסטער טראָגט זיך דער ווינט מיט אימפעט. קומענדיק אין שטעטל ווערט ער שטאַרקער, אַכזריותדיקער, שטויסט זיך אָן אין בלעכן פון דעכער, אין שויבן פון הייזער, וואָיעט מיט רציחה, פייפט אין די קוימענס, בלאָזט אַריין אין די שפּאַרונעס, פאַרפילט דאָס שטעטל מיט אימה און פחד. דזיגיפּקע ווערט באַהערשט פון דעם ווינט, פאַרקלייבט זיך אין די חדרי־חדרים, פאַרבאַהאַלטן זיך אין די קעלערס, אין די לעכער, פאַרשליסן די טירן, פאַרמאַכן די לאָדן, פאַרקנוילן זיך, מורא האָבנדיק אַן אָטעם צו טאָן. ווער ווייסט וואָס עס טוען די באָלשעוויקעס, וועלכע היטן די גרענעצן, ווער ווייסט וואָס זיי טוען מיט די פליטים!

* * * * *

אין אייזיק דראַכלערס קעלער זיצן אויף זייערע זעק מיט אַלטע קליידער פינף מאַנספאַרשוינען, אַ בחור פון אַ יאָר 15, זעקס פרויען און קליינוואַרג. מ׳זיצט אָנגעטאָן, פאַרוויקלט מיט שאַלן, גרייט אין וועג. אין קעלער ברענט אַן אויל־לעמפּל, לאַנגע שאָטנס שפּאַצירן אויף די ווענט. ס׳איז קאַלט.

— נו, ווען וועט מען שוין קומען?

— אָט באַלד, זיי געדולדיק, מסתמא האָט מען נאָך מיט דער רויטער וואַך ניט פאַרענדיקט.

— אָבער, גאָט מיינער, ס׳ווערט שפּעט!

— נו, שאַ, טייערינקע, מ׳וועט שוין באַלד פטור ווערן.

— און אַז מ׳וועט אונדז פאַקן? גאָט מיינער! סאיז אַזוי קאַלט.

— נו, נו, רעדט זיך ניט איין קיין נאַרישקייטן.

*) נאָך די הריגות אין אונדזער שטעטל אין אוקראַינע אינעם זומער פון 1919 תרע״ט, איז אונדזער געמיינדע געווען אין אַ מצב פון פון חורבן. די בהלה איז געווען גרויס. דער ישוב האָט געליטן פון הונגער און פון אָנפאַלן. פיל פון די איינוווינער זיינען געלאָפן צו די גרענעצן פון בעסאַראַביע און פון דאָרטן זוכן נייע היימען אין אַמעריקע און אין ארץ ישראל. צווישן די עמיגראַנטן איז געווען דער שרייבער פון די שורות — אַ 15 יאָריקער בחור.

**) הוגה דעות — דער וואָס שטראַלט מיט געדאַנקען.

עס רעדן אַ מאַן און אַ פרוי. די איבע־ריקע זיצן און שווייגן. די קינדער, פאַר־וויקלט אין פעלצן און שאַלן, שלאָפן אויף די זעק.

— טייערינקע, ס'איז דאָך אָבער אויך מעגלעך אַז דעם מאָרגן וועלן מיר באַגע־גענען פון יענער זייט טייך. מיט אַמאָל פרייע מענטשן, ניי־געבוירענע און דאָ, דאָן קיין קישינעוו. מעגלעך אין בית החלוץ, און דאַן, דאַן אפשר ארץ ישראל...

דער מאַן איז שטיל געבליבן. די פרוי האָט זיך צוגעדריקט צו זיין ברוסט ... אָוועקגעלייגט איר קאָפּ אויף זיין אַקסל. ער האָט זי צערטלעך אַרומגענומען און שטילערהייט אונטערגעזונגען: עוד שמשנו יעל (אונדזער זון וועט נאָך אויפגיין).

* * * * *

פיליאַמינדע, אויף דער צווייטער זייט דניעסטער, אין רומעניע, אין אַ הויז פון אַן אַלטן מאָלדאַוואַן, זיצן אַרום טיש דריי מענער, אַ פרוי און אַ ייִנגל. אין צימער איז טונקל. אין דרויסן הייבט אָן צו טאָגן.

— וואָס־זשע וועט זיין?

— באַרואיק זיך, מיר וועלן זיי געפינען.

— אָבער ווען שוין מער פון אַ שעה פאַריבער און זיי זיינען נאָך ניט געקומען.

— מ'האָט זיי געוויס אַריינגעפירט אין אַן אַנדער הויז, כדי ס'זאָל ניט זיין פאַר־דעכטיק.

ס'עפנט זיך די טיר. אַן אַלטער מאָל־דאַוואַן קומט אַריין אין צימער. ער ווישט אָפּ דעם פראָסט פון זיינע וואָנצעס און זאָגט: — אידהאָב זיי געפונען. זיי זיינען דאָ, אָט באַלד וועלן זיי אַריינקומען. אָבער אַחוץ...

— אַחוץ וועמען?

אַחוץ דער אַלטער פרוי. זי איז גע־בליבן אויפן אייז. ניט געקענט זיך גליטשן אַ ביסל שנעלער. אויב מ'וועט זי ניט אָפזוכן אין די קומענדע מינוטן, וועלן זי די באָלשעוויקעס אַראָפּנעמען פון אייז. (ער גיט זיך אַ קראַץ אין קאָפּ) און דאַן וועלן די געשעפטן אָפּגעשטעלט ווערן אויף אַ ווײַלע.

אין צימער איז שטיל, מ'קען הערן דאָס שווערע אָטעמען פון אַלטן מאָלדאַוואַן. פלוצלינג אַ יאָושדיקער געשריי: מאַמע! די פרוי וועלכע איז די גאַנצע צייט געזעסן ווי פאַרחלומט, האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר: — מאַמע! מאַמע! — האָט זי געכליפּעט: — איך מוז זי גיין זוכן. מאַמע! איך מוז. און אפילו צוריק אַריינפאַלן אין זייערע הענט... מאַמע!

אַ מאַן איז צו צו איר. זי אָפּגעשטעלט. אַרומגענומען.

— אָבער, טייערינקע, ווי קענסטו איצט גיין צוריק? די מאַמע וועט שפּעטער קומען. מיר מוזן אָבער...

— רעד ניט, כ'קען ניט... איך גיי צו איר. איך קען זי ניט איבערלאָזן...

— טייערינקע...

— מיר וועלן זיך זען דאָרט...

די פרוי האָט ליידנשאַפטלעך געהאַלדזט דעם מאַן. פלוצלינג אַ ווילדן געשריי גע־טאָן, זיך אַרויסגעריסן פון דעם מאַנס הענט, געעפנט די טיר און אַרויס...

* * * * *

זומער 1921, ה'תרפ״א לבריאת העולם. ס'האָט געדרעגנט. דער דניעסטער איז אין כעס, וואַרפט די כוואַליעס אַהין און אַהער, באַשפריצט די ברעגן פון ביידע לענדער מיט זודיקער ווייסער פינע (שוים). ער כעסט זיך. די אַלטע מאָלדאַוואַנער זאָגן, אַז כל זמן דער טייך קריגט ניט דעם ערשטן קרבן קאָן ער זיך ניט באַרואיקן.

נאַכט. אַ שיינע זומער־נאַכט. די נאַכט אָטעמט מיט פאַרכישופטע וואַרעמע ווינטן, די הימלען חלומען, די שטערן באַוואַכן די איינגעשלאָפענע וועלט. אָבער דער דניעסטער שלאָפט ניט. ער רוט ניט. די כוואַליעס יאָגן זיך איינע נאָך די אַנ־דערע, ווילן איינשלינגען די ערד.

פון די רוסישע ברעגן באַווייזט זיך אַ שיפל אויפן וואַסער. דאָס שיפל, באַגלייט פון כוואַליעס, קליינע און גרויסע, שניידט די וואַסער און רוקט זיך אַלץ ווייטער און ווייטער. אין שיפל זיצן צוויי פרויען, אַ יונגע און אַן אַלטע. ביי די וועסלעס זיצט אַ מאָלדאַוואַן און פירט דאָס שיפל. די וועסלעס שפּאַלטן די וואַסערן, אַריין און אַרויס. דאָס שיפל ראַנגלט זיך מיט די כוואַליעס. די כוואַליעס שלאָגן זיך מיטן שיפל. אָט איז שוין דאָס שיפל אין מיטן טייך.

— גאָט, גאָט מיינער!

— אַ האַרצרייסנדער געשריי. צוויי גרוי־סע כוואַליעס האָבן פון ביידע זייטן אַרומ־געכאַפּט דאָס שיפל און עס געוואָלט איינ־